UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Makhshoyves Vegn Yidishkayt  Thoughts About Yiddishkayt

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3zf7g02r

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Noks / Nox, Dr. Ezriel

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ד״ר עזריאל נאַקס / ניו־יאָרק

# מחשבות וועגן יידישקייט*)

I

די ספּעציעלע וויכטיקייט פון דער יידישער טראַדיציע איז פאַר אונדז איר שייכות צו אונדזער אייגענער צייט מיט אירע פּראָבלעמען און פּלאָנטערנישן. אָט די שייכות שטאַמט ניט פון אַ טעאָלאָגישן סיסטעם, פון דאָגמעס, אָדער פון אַן אָפּגעשלאָסענעם גלויבן, נאָר פון אַ רייע אַריינבליקן אין דער טבע פון מענטש און אין דער סטרוקטור פון דער וועלט. אָט די אַריינבליקן האָבן ביי יידן און זייערע נביאים און לערערס זיך אַנטוויקלט פון זייערע קאָלעקטיווע דערפאַרונגען שטופּנווייז. אויב מען וויל קען מען אָט די אַריינבליקן אָנרופן פּאָסטולאַטן אָדער היפּאָטעזן, און אין דער שפּראַך פון סעקולאַריזם קען מען דאָס באַצייכענען ווי אַ כסדרדיק זוכן דעם זין פון קיום — ניט ווי אַ ספּעקולאַטיווע טעאָריע לשם טעאָריע, נאָר ווי אַ וועגווייזער פאַר מעשים טובים. וואָס ס'איז ספּעציעל וויכטיק איז דאָס וואָס אָט די אַריינבליקן באַלייכטן די אינערלעכע קוואַליטעט פון קיום, פון זיין, און האָבן אַ היינטצייטיקע גילטיקייט וואָס מען קען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט מיט ביטול, אַזוי ווי עס וואָלט אין דעם געווען עפּעס אומוערטיק.

וואָס זיינען טייל פון אָט די אַריינבליקן?

(א) צום אַלעם ערשטן קומט דער יידישער מאָנאָטעיזם: „שמע ישראל יי אלהינו יי אחד“. וואָס דאָס זאָגט אונדז איז ניט בלויז אַז גאָט איז איינס אין צאָל, נאָר אַז גאָט איז איינער אָפּגעזען פון דעם אופן ווי מיר דינען אָדער גלויבן אין אים אָדער ווי מיר רופן אים (אָדער אפילו ווי מיר זאָגן זיך אָפּ צו רופן אים). אונדזערע באַגריפן פון גאָט קענען זיין פאַרשידנאַרטיק, אונדזער פאַרשטיין גאָט קאָן זיך צעוואַקסן און פאַרטיפן, אָבער גאָט בלייבט איינער און ער איז דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט. די אַלוועלטלעכקייט פון אָט דער יידישקייט האָט נישט קיין באַדינגונגען: גאולה, אויסלייזונג איז פאַר אַלע רעכטפאַרטיקע פעלקער, און פאָדערט ניט קיין פאָרמאַלע באַקערונג צו יידישקייט.

אַרנאָלד טוינבי לויבט די מילדקייט און צערטלעכקייט פון רעליגיע. גלייכצייטיק פאַרדריסט אים דער פאַנאַטיזם פון רעליגיע. שרייבט ער צו דעם פאַנאַטיזם פון איסלאַם און קריסטנטום צו זייער ירושה פון יידנטום און יידישקייט. דאָס איז ממש צו שטוינען און אומבאַרעכטיקט. יידישער מאָנאָטעיזם — פון מיכהס זאָג: „האַלט זיך באַשיידן מיט דיין גאָט“ ביז היינט — איז אַ וויזיע פון איין גאָט פאַר אַלע מענטשן מיט אַ סך וועגן וואָס פירן צו אים. די פאַרטיידיקערס פון בלויז „איין־איינציקן וועג“ מעגן טענהן אַז עס איז דאָ אַ „מער אמתע“ לערע, עס איז אָבער געוויס ניטאָ קיין בעסערע לערע פאַר אונדזער וועלט ווי די וויזיע פון איין גאָט.

ב) מען קען ניט לייקענען די ממשותדיקייט פון זינד אין דעם יאָרהונדערט פון היטלער און סטאַלין. עס וואָלט געווען משוגעת דאָס צו לייקענען. זינד איז אַ קאַרדינאַלער פּונקט אין רעליגיע. ס'איז אויך צענטראַל אין קריסטנטום. נאָר יידישקייט האָט זיך גערעכנט מיט זינד ווי אַ סאָציאַלע און עטישע מכה. די באַזע פון דער יידישער באַציונג צו זינד איז געווען דער ערשטער מאָרד — די מעשה מיט קין און הבל. די באַזע פון דער קריסטלעכער באַציונג צו זינד איז געווען דער „ערשטער“ רעוואָלט קעגן גאָט — די מעשה מיט אָדם און חוה אין גן־עדן. יידישקייט האָט זיך ניט פאַרפּלאָנטערט מיט דער אידעע פון אַן „ערשטע“ זינד און וואָס דער מענטש „יירשנט“, ווערט מיט דעם געבוירן. ד״ה, עס איז אַן אינערלעכער „מוז“, אַן אינערלעכער דראַנג צו זיין זינדיק, צו זינדיקן. יידישקייט באַטראַכט זינד ווי בלויז אַ שטרויכלונג, אַ נסיון, און דעריבער ווי עפּעס וואָס דער מענטש קען גובר זיין, אויב ער וויל. אָט

*) אָט דער עסיי איז אָריגינעל געשריבן געוואָרן אין ענגליש. די איבערזעצונג איז פון ז. ש.

דער בליק איז קאָנדענסירט אין דעם באַ־
קאַנטן משל פון אַ יצר הרע און יצר טוב,
די צוויי קעגנזעצטע נייגונגען וואָס אַמ־
פערן זיך, וואָס קעמפן אין דעם יחיד און
אין דער געזעלשאַפט. עס ווענדט זיך
בלויז וועלכע נייגונג איז שטאַרקער.

מיט אַט דעם משל פון יצר הרע און
יצר טוב קריגן רעליגיע און עטיק אַ לע־
בעדיקע און שעפערישע פונקציע — צו
שטיצן און באַפעסטיקן דעם יצר טוב אין
דעם פאַרמעסט מיטן יצר הרע סיי אין
דעם יחיד סיי אין דער געזעלשאַפט. כדי
זיי צו דערמעגלעכן דורכצופירן אַט די
פונקציע האָט יידישקייט איבערגערוקט
די באַטאָנונג פון זינד אויף דער באַטאָנונג
פון מצוה, באַטאָנונג אויף גערעכטער
האַנדלונג, ד״ה, צו הלכה ווי אַ דיסציפּלין
אין מענטשלעכן אויפפיר און ווי אַן עקס־
פערימענט און הייליקונג. פאַר אונדזער
וועלט מיט אירע דאגות און שרעק, מיט
אירע מעגאַטאָן באָמבעס און מיסילס איז
נייטיק צו וואָרענען דעם מענטש וועגן
דעם אימפּולס, דעם דראַנג וואָס ליגט אין
אים צו זינדיקן; סאיז אָבער אומבאַדינגט
נייטיק אים אויך צוגעווינען צו מצוות,
ד״ה צו שטאַרקן דעם יצר טוב וואָס איז
אין אים.

(ג) דער הויך־עטישער אינהאַלט פון
יידישקייט, ווייסן מיר, איז ווייט און ברייט
אַנערקענט. ס'איז דעריבער איראָניש און
פּאַראַדאָקסאַל וואָס גראַד אַט דער עלע־
מענט, די עטיק, איז פון טייל יידן אַרויס־
גערוקט געוואָרן כדי זיך אָפּצוזונדערן פון
דער יידישער טראַדיציע ווי אַ גאַנצע.
עס קען גרייליך זיין אַז דער גרעסטער
אויפטו פון די נביאים — און אפשר די
העכסט ראַדיקאַלע און ווייט גרייכנדיקע
אין דער געשיכטע פון רעליגיע — איז
באַשטאַנען אין דער פאַרקניפּונג פון רע־
ליגיע מיט גערעכטיקייט. נאָך די נביאים
קען מער ניט זיין קיין ריס אין יידישקייט
צווישן דאָס הייליקע און דאָס סעקולערע,
צווישן טעאָלאָגיע און סאָציאַלע מאָראַל.

ווי אַ כלל וואָס דרינגט אַרויס פון דער
פאַרבינדונג צווישן רעליגיע און מאָראַל
האָבן די נביאים אָוועקגעשטעלט די הער־
שאַפט פון עטיק איבער דער פּאָליטיק,
איבער דעם שטאַט, און געטאַדלט און גע־
שטראָפט דעם מלך און דעם כהן, און
אויך דאָס פאָלק, ווען זיי האָבן אָפּגעווייכט
פון דעם געשלאָסענעם בונד צווישן גאָט
און זיין פאָלק ווי אַ געזעץ פון גערעכטי־
קייט. אַ פאַרזיכטיקער בליק אין די ווערק
פון פלאַטאָ און אַריסטאָטל באַווייזט אונדז
אַז זיי האָבן איבערגעדרייט און איבער־
געריסן די פאַרבינדונג צווישן טעאָלאָגיע
און סאָציאַלע מאָראַל, עטיק און פּאָליטיק.
זיי האָבן געשטעלט עטיק אין דינסט פון
דער פּאָליטיק. אויך אַן אַריינבליק אין
די רעדעס פון סיינט פּאָול באַווייזט אונדז
אַז ער האָט סוף כל סוף אויך אָפּגעטיילט
עטיק פון פּאָליטיק. די נביאים האָבן
אָבער פאַרשטאַנען די געפאַרן פון דער
קאָנקרעטער פּראַקטישער פּאָליטיק, און
ווייל זיי זיינען ניט געווען בלויז זייטיקע
באַאָבאַכטער קענען איצט די געשוואָרענע
רעאַל־פּאָליטיקערס זיי ניט אויסלאַכן פאַר
זייער באַשטיין אויף דער פּריאָריטעט פון
עטיק. דאָ ליגט דער באַווייז פאַר אונדזער
צייט און דור, אַז דאָס טראַנסצענדענטאַלע
— ד״ה די ווערטן וואָס זיינען איבער צייט
אָבער ניט מחוץ צייט — איז פאַרקערפּערט
אין היסטאָרישן פּראָצעס.

אַט די דימענסיע פון דער יידישער
טראַדיציע ווערט געניצט ווי אַ געווער
קעגן טראַדיציע. אָבער ווי אַ פראַגמענט,
אָפּגעהאַקט פון דאָס גאַנצע, האָט זיך דאָס
אָפּט אויסגעלאָזט ווי אַ ביישפּיל פון נבי־
אישער אפיקורסות אָבער ניט ווי אַ פאַל
פון דער נביאישער ירושה. וואָרעם די
טענדענטץ איז געווען ניט אַריינצוברענ־
גען דאָס „טראַנסצענדענטאַלע" אין דעם
היסטאָרישן פּראָצעס נאָר דאָס אויפצולייזן
אין „סאָציאָלאָגיע". אין צוזאַמענהאַנג
מיט דער טראַדיציע איז פּראָגרעס אַ פּראָ־
צעס פון הייליקן די וועלט, פאַרהייליקן
דאָס לעבן, דעם אויפפיר, און די טראַדי־
ציע. פאַר אַן אילוסטראַציע איז דאָ אַ
שיינער מדרש וואָס זאָגט אַז די וועלט
געהערט צו גאָט איידער מען מאַכט אַ
ברכה, אָבער נאָך דער ברכה געהערט די
וועלט צום מענטש. פּראָגרעס אין זין פון
אייביקייט איז אַ רעליגיעזע קאַטעגאָריע,
אַ פּראָצעס פון תיקון עולם, פון אויס־
בעסערן די וועלט (אין לשון פון סעקולע־
רער פילאָסאָפיע — אַ פּראָצעס פון אַרויס־

ציען דאָס אידעאַלע, וואָס איז מעגלעך מיט נאַטירלעכע זאַכן).

צו ציען ווײַטער די אילוסטראַציע קען מען אָנווײַזן אַז אין פאַרגאַנגענע צײַטן האָט מען זעלטן געוווּסט פון שיכּרות צווישן יידן, און מען האָט אָנגעגעבן פאַרשיידענע תּירוצים דאָס אויפצוקלערן. עס קען אָבער געמאָלט זײַן אַז דער ענטפער איז זייער פּשוט: יידן האָבן אַלע מאָל געמאַכט אַ ברכה פאַרן טרינקען. ניט לאַנג צוריק אין אַ קאָמענטאַרי סימפּאָזיום: „יידישקייט און די ייִנגערע אינטעלעקטואַלן", האָבן טייל אנטיילנעמער זיך פאַררופן אויף די נעמען מאַרקס, פרויד און איינשטיין כּדי צו פאַרטיידיקן זייער אָפּזונדערונג און באַפרייאונג פון דער יידישער טראַדיציע. אין די דרייסיקער יאָרן וואָלט אפשר אויך טראָצקיס נאָמען אַרייַנגעשלעפּט געוואָרן ווי אַ באַווייז פון זייער פאַרטיידיקונג. ניט אַריינגייענדיג אין דעם משפּט אויף מאַרקסן אָדער טראָצקין און אָן פאַרגלייכן זיי מאָראַליש, קען עס פון דעסטוועגן געזאָגט ווערן וועגן טראָצקיס טעטיקייטן און אויך וועגן די טעטיקייטן אין נאָמען פון מאַרקסן — זיי האָבן ניט געמאַכט קיין ברכה, דעריבער איז אויך ניטאָ קיין ברכה אין זייערע רעזולטאַטן.

## II

אָט די אַריינבליקן האָבן אַ שייכות צו אונדזער צײַט און צו אונדזער דור — פאַר דער וועלט און פאַר אונדז. ביז צו דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל זײַנען יידן ווי אַ פאָלק ניט געווען באַטייליקט אין ענינים פון „רוים" — פּאָליטיק, מלחמה, אָדער וויסנשאַפט. דער ספר, דאָס בוך, איז געווען זייער „באַוועגלעך פאָטערלאַנד", און ספּעציאַליזירט האָבן זיי זיך אין עטיק, אין אָרעמקייט, אין הלכה, אין „גיין אין גאָטס וועגן". מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה זײַנען יידן ווי אַ פאָלק מער ניט באַפרייט פון די נויטן פון „רוים", פון די פּראָבלעמען און זאָרגן וואָס זײַנען אייגנטימלעך פאַר טעריטאָריעלער הערשאַפט. דער קריזיס פון דער ישראל מדינה מעג זיך זײַן מיליטעריש אָדער עקאָנאָמיש, נאָר דער אמתער קריזיס — אין דער פּערספּעקטיוו פון יידישער געשיכטע און „גורל" — באַשטייט אין מקיים זײַן, פאַרווירקלעכן דעם צוזאָג און די האָפענונג. פון הערצלס חלום, ווייסן מיר איז אין וואָסערע פופציק יאָר געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. פון אַ לעגענדע איז געוואָרן אַ פאַקט.

דער נסיון און פּראָבע וואָס שטייט פאַר ישראל איז ניט צי זי קען אַרויסשיקן ראַקעטן, פּראָדוצירן אַמוניציע פאַרן עקספּאָרט, אָדער אפילו מצליח צו זײַן אין דער אַנטזאַלצונג פון ים־וואַסער, נאָר צי זי קען פאַרוואַנדלען אַ צווייטע און עלטערע לעגענדע אין אַ פאַקט: פאַרקניפּן רעליגיע מיט גערעכטיקייט, אַוועקשטעלן עטיק איבער פּאָליטיק. די דערמאָנונג פון דעיר יאַסין, קיביא און כפר קאַסעם דאַרף אונדז מאַכן מער באַשיידן און מער זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער איבערהערשאַפט פון פּאָליטיק.

דאָס יידישע פאָלק איז אַ פאָלק — ניט בלויז אַ גלויבנס דענאָמינאַציע פון גלײַביקע, נאָר אַ פאָלק מיט אַ גייסטיקע און קולטורעלע אָריענטאַציע, לעבנדיק אַזוי ווי עס וואָלט געלעבט מער אין צייט ווי אין רוים.

די עטאַבלירונג פון מדינת ישראל איז געווען אַ גליקלעכע געשעעניש און אַ ביטערע נויטווענדיקייט. אָבער דאָס מוז ניט און דאַרף ניט צעשטערן די באַזונדערע אייגנאַרטיקייט פון יידישן פאָלק (אין צופעליק ניט צעשטערן זייער פּאָזיציע אין די לענדער וווּ זיי וווינען און צו וועלכע זיי זײַנען באַהעפט דורך בירגער־רעכט און לאָיאַליטעט און צו וואָס דאָס פאַרפליכטעט). אָט די באַזונדערע אייגנאַרטיקייט קען אויפגעהאַלטן ווערן אויב מיר וועלן געדענקען אַז עם ישראל, דאָס פאָלק ישראל און מדינת ישראל, דער שטאַט פון ישראל, הגם זיי דעקן זיך טייל מאָל, זײַנען זיי דאָך ניט אידענטיש. און אָט דער עיקר, אָט די בכורה, מוז געגעבן ווערן צו עם ישראל, צום פאָלק ישראל. מדינת ישראל איז שוין דער דריטער שטאַט אין אונדזער געשיכטע, און הלוואי זאָל עס שוין אַזוי בלייבן אויף אייביק. אָבער דער פונדאַמענטאַלער באַגריף, די פונדאַמענטאַלע קאַטעגאָריע אין דער יידישער געשיכטע איז אַלע מאָל געווען עם ישראל.

און עס איז בלויז עם ישראל וואָס איז אייביק; און אין ליכט פון אונדזער געשיכטע איז עס מדינת ישראל וואָס דאַרף זיין די דינסט פון עם ישראל.

מען מוז פון דעסטוועגן איבערחזרן אַז עם ישראל האָט דאָ די קאָנאָטאַציע, די באַדייטונג פון כנסת ישראל — בית הכנסת און בית תפילה. דאָס יידישע פאָלק און די אידעע, דער גורל פון יידישן פאָלק האָבן זיך אַנטוויקלט צוזאַמען, וואָס דאָס איז אפשר דער מאָדערנער וועג צו פאַראַפראַזירן סעדיה גאונס זאָג: „ישראל איז אַ פאָלק אין זכות פון איר תורה.״ דער סוד פון יידישן קיום — בעת אַשור און בבל און דאָס אַלטע רוים זיינען שטויב און אַש און ווינט — ליגט אין דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פרי אין זיין געשיכטע אויסגעפונען אַז כדי צו האָבן אַ קיום ווי אַ פאָלק מיט אָדער אָן אַ לאַנד איז נייטיק צו שטרעבן און קעמפן צו זיין מ ע ר ווי אַ פאָלק. מען האָט ביי אונדז גערעדט אַ סך פוסטע און ווייטיקדיקע רייד וועגן קיבוץ גלויות, די איינזאַמלונג פון גלות און שלילת הגלות, די פאַרלעקענונג פון גלות. עס וואָלט געווען קליגער צו אַרבעטן פאַר קיבוץ נשמות, פאַר דער איינזאַמלונג פון נשמות אַנשטאַט קיבוץ גלויות. און אַנשטאַט די פאַרלייקענונג פון גלות וואָלט געווען מער אין איינקלאַנג מיט דער טראַדיציע זיך צו פאַרנעמען מיט חיוב הגלות, וואָס דער גלות איז אונדז מחייב.

III

דער געדאַנק פון חיוב הגלות, ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ מתחייב זיין זיך אין גלות, איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר דער יידישער געזעלשאַפט אין אַמעריקע. אין דער קלאַסיש יידישער טערמינאָלאָגיע מיינט עס התחלתא דגאולה, דער אָנהייב פון אויסלייזונג, איז אומעטום — אין אַמעריקע פונקט ווי אין ישראל, אָבער די פולע אויסלייזונג איז נאָך אין ערגעץ ניט מעגלעך.

חיוב הגלות איז אונדזער חוב, אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צום עם ישראל און צו כנסת ישראל, און עס איז אונדזער איבערגעגעבנקייט צו דער פולער אויסלייזונג — צו דער משיחישער אויסלייזונג — וואָס איז פאַר דער צוקונפט אָבער אויך פאַר אונדזער צייט ווי אַ ווירקנדיקער כוח אין אונדזערע הערצער און פאַנטאַזיעס. דעמאָקראַטיע דערנידעריקט ניט דעם מענטש נאָר דערהויבט אים. די דעמאָקראַטישע הנחה איז אַז דער מענטש שטרעבט צום מאָראַלישן געזעץ און אין די ראַמען איז דערלויבט אַנדערשקייט און פאַרשידנקייט. די אָרגאַניזאַציע און אָרקעסטראַציע פון דער געזעלשאַפט, מיט דער דעמאָקראַטיע ווי דער סטאַנדאַרד, ווערט דאַן דערגרייכט ניט דורך אַרויפצווינגען אַ מאָנאָליטישן סיסטעם פון טעאָלאָגיע אָער מעטאַפיזיקס, נאָר דורך די אַלגעמיינע אָנגענומענע כללים און מעטאָדן פון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט. דאָס פרייוויליקע אָננעמען פון אָט די כללים און מעטאָדן איז פאַר זיך אַליין אַן עטישער פרינציפ פון גרויס ווערט. עס איז אָט דער געדאַנק וואָס דער שטאַט אידענטיפיצירט זיך ניט מיט אַ וועלכן ס׳איז רעליגיעזן אָדער פילאָסאָפישן סיסטעם בנוגע די צילן פון לעבן און די מענטשלעכע באַשערטקייט — וואָס דאָס איז אייגנטלעך דער טיפער און הויכער זין פון ערשטן אַמענדמענט, וואָס „טיילט אָפ מיט אַ וואַנט״ די קירך פון דעם שטאַט.

ווי אַזוי פירט מען דורך אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט אָט דעם „חיוב הגלות? וואָס פעלט און וואָס דאַרפן זיין די שטרעבונגען און צילן פון דער אַמעריקאַנער יידישער געמיינדע? דאָס זיינען ענינים וואָס קענען ניט באַטראַכט ווערן צופעליק און אויבנאויפיק, אויב מען וויל העלפן און ניט אַנטמוטיקן אָדער גאָר אויסלאַכן דעם גאַנצן געדאַנק.

אויף אַזוי פיל קען מען יאָ זאָגן און אונטערשטרייכן פאַר וויכטיק: די יידישע געמיינדע אין אַמעריקע האַלט זיך נאָך אין פאָרמירן און עס פעלט נאָך אַן אייגענער נוסח, אַן אייגענער סטיל, אין די ראַמען פון אַמעריקע בכלל. צוליבן מאַנגל אין נוסח זעען זיך אַ סך מאָדנעקייטן אויב ניט קיין פלעקן וואָס פאַסן זיך ניט אין דעם פאָרטרעט פון דער געמיינדע. עס איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ יונגע געמיינדע

און עס איז פֿאַרשטענדלעך אַז עס קען נאָך ניט זיין קיין פול אויסגערונדיקטער נוסח, אָבער אַז עס זאָל אַזוי שנעל פֿאַרגעסן ווערן די נייטיקע קאָמפּאָנענטן פון אונדזערע עלטערנס נוסח אין זייער אייראָפּעישער סביבה איז ווייניקער פֿאַרשטענדלעך און קען דעריבער ניט פֿאַרגעבן ווערן.

די לייכטקייט מיט וועלכער מיר האָבן אויפגעגעבן, צום ביישפיל, אונדזער לשון פון דער מזרח אייראָפּעישער סביבה איז כמעט אומגלייבלעך און אומפֿאַרשטענדלעך. אונדזערע עלטערן און זייערע עלטערן האָבן געהאַט אַ שפּראַך — יידיש. זיי האָבן „געלאַכט און געוויינט" אויף יידיש, זיך געקריגט און איינס דאָס אַנדערע געטרייסט אין יידיש; די מאַנסבילן האָבן געלערנט תלמוד (מיטן בענקענדיקן גמרא־ניגון) אין אַראַמעיש און יידיש אַזוי ווי די צוויי שפּראַכן וואָלטן געווען איינס, און די ווייבער האָבן געלייענט די „צאינה וראינה" (מיטן זיסן טרויער), דעם חומש מיט די פּאַסיקע אויסצוגן פון די נביאים (הפטורות) פֿאַר שבת; די חסידישע רביים האָבן דערציילט זייערע מעשות און משלים אין יידיש, און די ציוניסטן מיט די סאָציאַליסטן האָבן געשריבן זייערע פּראָקלאַמאַציעס און געוועקט דעם באַוווסטזיין פון פאָלק אין יידיש. און די גאַנצע צייט האָט דאָס לעבן פון אונדזערע עלטערן אין דער אייראָפּעישער סביבה, מיט „די טרערן וואָס זיינען דאָ אין זאַכן" געפונען אויסדרוק אין לידער און דערציילונגען, אין פּאָעמען און דראַמען — פון גליקל פון האַמעלן (און נאָך פריער) ביז ר' נחמן פון בראַצלאַוו, און פון מענדעלען, פּרצן, שלום עליכמען,ביז נעכטן אין מזרח אייראָפּע און אַמעריקע און איצט אין אַמעריקע און אַרגענטינע און ישראל און כמעט אומעטום. די שפּראַך איז געווען מער ווי שפּראַך ווייל עס האָט איינגעזאַפּט דעם ריטם און דעם ניגון פון דער יידישער דערפאַרונג און די ווערטן וואָס האָבן זיי געוויזן דעם וועג און די אויסזיכטן פון לעבן וואָס זיי האָבן אַנטהאַלטן. מיט דעם מאַרטירערטום פון די זעקס מיליאָן — ווי איז אונדז — איז די וועלט פון אונדזערע עלטערן מער ניטאָ, אָבער די אָנדענקונג פון זייער וועלט טאָר ניט פֿאַרשווינדן. און ווי אַזוי קענען מיר פֿאַראייביקן זייער אָנדענק און פילן דעם טעם פון זייער סביבה מיט זייערע ליידן און פריידן אויף אונדזערע ליפּן אָן דער שפּראַך אין וועלכער זיי האָבן געאָטעמט און געלעבט?

אונדזער נוסח פון לעבן קען ניט זיין קיין נאָכמאַכונג פון אַ נוסח וואָס שטאַמט פון אַנדערע באַדינגונגען און לעבנספֿאָרמען. נאָר אויב עס דאַרף זיין אַן אויטענטישער און געבענטשטער נוסח מוז עס געבויט ווערן אויף דעם וואָס עס איז געווען און ניט דאָס צונישט מאַכן און אויסמעקן. תורה און מצוות — דרך ארץ פֿאַר לערנען און די פרומקייט פון מעשים טובים זיינען געווען די אייביקע פאַקטאָרן פון יידישן קיום. אונדזער סטיל פון לעבן, ווי עס הייבט זיך אָן אויסצוקריסטאַליזירן אין די גרענעצן פון די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, מוז זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון תורה און מצוות, פון לערנען און מעשים טובים. מיט דער כסדרדיקער מעכאַניזירונג פון אַרבעט און די פֿאַרקירצונג פון דער אַרבעט־צייט ווערט אויף דאָס ניי פריש און נייטיק די פֿאַרפליכטונג צו הייליקן די פרייע צייט — צו געבן די דערוואָרבענע פרייע צייט פון מענטש אַ ווערטפולן אינהאַלט.


ווענגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"

זיך ווענדן צו:

**SOL SCHLOSSER**

1108 South Clark Drive Los Angeles, Calif. 90035